# צום פינטל

גליון נז
פרשת וישלח תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### יעקב מצא חן אצל עשיו הרשע

### ◆ למצוא חן בעיניך

'ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה, ואשלחה להגיד לאדוני למצא חן בעיניך' (בראשית לב ו). יעקב אבינו פארציילט זיינע הצלחות, און ער וויל מיט דעם 'נושא חן' זיין אין די אויגן פון עשיו, וויאזוי פארשטייט מען דאס? אלע מפרשים, יעדער האט אין דעם זיין וועג, רש"י הקדוש זאגט אז ס'איז צוויי עקסטערע זאכן, 1) איינס פארצייל איך דיר אז איך בין געווארן רייך, 'ויהי לי שור וחמור וגו'. 2) צווייטענס בין איך דיר מודיע אז איך וויל זיך טרעפן מיט דיר, איך קום צו דיר און איך קוק ארויס אויף דיין נאנטשאפט.

אבער נאך אלץ דארף מען פארשטיין וואס איז די קשר פון די צוויי, פארוואס זאגט ער די צוויי זאכן אין איינעם, וואס קענען די הצלחות פון יעקב, צוגעבן צו טרעפן חן ביי עשיו הרשע? אויך דארף מען פארשטיין וואס מיינט רש"י 'שאני שלם עמך ומבקש אהבתך', ווי אזוי טרעפט מען 'חן' מיטן מודיע זיין אז איך וויל דיך? אויך דארף מען מבאר זיין וויאזוי גייט צו די מציאות פון טרעפן 'חן', וואס טוט א מענטש ווען ער וויל טרעפן 'חן' אין איינעמס אויגן?

א מענטש וואס וויל טרעפן 'חן' ביי איינעם, איז קודם דארף ער פשוט טון דאס וואס וועט געפעלן פאר יענעם, זאכן וואס יענער וועט הנאה האבן, אבער בעיקר דארף מען פשוט מודיע זיין פארן צווייטן, 'איך וויל דיך און איך ווארט אויס פאר דיין אהבה', 'להודיע שאני חפץ בך ומבקש אהבתך', איך וויל זיין נאנט מיט דיר, איך וויל נעמען פון דיר אהבה. אדער זאגט ער עס קלאר אזוי ווי יעקב, 'למצוא חן בעיניך', אדער איז ער עס מרמז דורכן קויפן א מתנה, ארויסהעלפן יענעם, וכדומה.

אסאך זאכן קען מען זיך לערנען פון יעקב אבינו, וואס ער האט געטון צו טרעפן 'חן', וואס איז יא גוט צו טון און וואס איז נישט גוט צו טון, אבער די כללות'דיגע נקודה לערנט מען זיך, אז אויב די ווילסט נושא חן זיין ביי יענעם, דארפסטו אים פשוט מודיע זיין 'למצוא חן בעיניך', 'איך וויל זיין נאנט צו דיר, איך וויל דיין אהבה', אז די רעדסט אזעלכע גראדע דיבורים אָן קיין 'עיקולי ופשורי' דאן וועט עס ארבעטן אפילו ס'איז אזא מצב פון עשיו הרשע, דאס איז וואס מ'לערנט זיך פון יעקב אבינו.

> **'למצוא חן בעיניך', 'איך וויל זיין נאנט צו דיר, איך וויל דיין אהבה', אז די רעדסט אזעלכע גראדע דיבורים אָן קיין 'עיקולי ופשורי' דאן וועט עס ארבעטן אפילו ס'איז אזא מצב פון עשיו הרשע**

### ◆ לקבל חן

א מענטש מיינט אז בעיקר דארף ער טון זאכן וואס גייט יענעם געפעלן, אזוי וועט ער 'נושא חן' זיין און באקומען יענעם צו זיך, אבער באמת דער עיקר דארף יענער פשוט באקומען די מעסידזש, אז די ווילסט 'מקבל' זיין אהבה פון אים, דאס איז וואס וועט יענעם עפענען דיך צו געבן. יעקב האט נישט געשיקט קיין מתנות ווי א 'געבער', נאר אויף א אופן פון 'למצוא חן בעיניך', איך שיק דיר מתנות ווייל איך וויל באקומען פון דיר, איך וויל באקומען פון דיר חן, איך וויל דיין ליבשאפט, איך וויל נושא חן זיין און געפעלן ביי דיר.

אלעס וואס ער האט פארציילט פאר עשיו וועגן זיך, 'ויהי לי שור וחמור וגו', אלעס איז פשוט צו מודיע זיין אז איך וויל דיין אהבה, איך וויל די זאלסט אריינעמען מיינע זאכן, 'למצוא חן בעיניך', איך וויל זען צו די נעמסט מיך אריין, צו די האסט פלאץ אין דיין הארץ פאר מיר.

און דאס איז וואס יעדער מענטש טוט ווען ער וויל טרעפן 'חן', ער פארציילט פאר יענעם עפעס וועגן זיך, און ער ווארט אויס צו זען אויב יענעם אונטערסירט עס, אויב יא, מיינט דאס אז יענער איז גרייט אים אריינצונעמען, דאס מיינט אז ער טרעפט ביי יענעם 'חן', יענער האט פלאץ פאר דיר אין זיינע אויגן, ער קוקט דיך אָן גוט. אויב אבער יענעם אונטערסירט נישט דיינע ענינים, יענעם גייט נישט אָן וואס די האסט צו פארציילן, פארשטייסטו גלייך אז יענער וויל דיך נישט אריינעמען, די טרעפסט נישט קיין 'חן' ביי יענעם, זיינע אויגן האבן נישט קיין פלאץ פאר דיר.

### ◆ מהו חן

שטייט אין ספר חשק שלמה (מר' שלמה פאפנהיים, השרשים שורש חן) אז די שורש הלשון פון 'חן' איז פון די לשון 'חנה' – 'חניה' – 'מחנה' א.ד.ג. פון די לשונות פון 'רואין' און 'רואיגקייט'. ווען ראובן טרעפט 'חן' אין די אויגן פון שמעון, מיינט דאס אז שמעון'ס אויגן זענען רואיג צו קוקן אויף ראובן, שמעון'ס אויגן האבן פלאץ פאר ראובן, זיי זענען רואיג פאר אים, זיי האבן ליב צו קוקן אויף אים.

און אזוי איז מבואר אין נחל קדומים פון די חיד"א אויף די פסוק סוף פרשת בראשית 'ונח מצא חן בעיני ה", ברענגט ער פונעם חרדים אז נח האט געטראפן 'חן' דורך זיין נאמען זעלבסט, זיין נאמען איז 'נח' מלשון 'מנוחה', דורך 'מנוחה' קומט מען צו צו 'חן', נח איז געווען רואיג און במנוחה אין עבודת ה', דאס האט געברענגט אז ער זאל טרעפן 'חן'

המשך בעמוד הבא

כביכול אין דעם אייבירשטן'ס אויגן.

אויף די יודישע קינדער שטייט 'מצא חן במדבר', זיי האבן 'חן' ביים אייבירשטן, זיי האבן פלאץ אין דעם 'עין דלמעלה', 'יצרנהו כאישון עינו', דער אייבישטער נעמט זיי אריין מיט א רואיגקייט כביכול. און אויב א מענטש איז נושא חן אין דעם אייבירשטן'ס אויגן, דאן טרעפט ער מנוחה אויך ביי זיך, אהה!!! ברוך השם ער האט 'חן' אין דעם אייבירשטן'ס אויגן כביכול (קדושת לוי סוף פרשת בראשית).

## גדר חן

דער חשק שלמה איז דארט מסביר אז 'חן' האט נישט קיין פונקטליכע גדה, מ'קען נישט פונקטליך אֶנטייטלן וואס מ'דארף טון צו באקומען 'חן', 'חן' איז א צירוף פון גאר אסאך זאכן צוזאמען, אידרויסענדיגע חן - שיינקייט מעלות וכדומה, אינדערווייניגע חן - חכמה מידות און אנדערע מעלות, כללות'דיגע מעלות אין די וועלט, און מעלות וואס האבן 'חן' במיוחד ביי דיר.

שיינקייט און אינדרויסענדיגע מעלות, זענען כללות'דיגע זאכן וואס מענטשן זענען מחשיב, זאכן וואס כאפט שנעלער די 'חן', אבער די עצם חן איז געוואנדן אין יעדער יחיד לפי וואס ס'כאפט אים, דאס וואס איז חשוב ביי אים, דאס וועט שנעלער כאפן די 'חן' זיינער. די חז"ל זאגן אז אפילו א 'בורסקי' האט א 'חן' און א געשמאק אין זיין ארבעט, כאטש די מענטשן ארום זענען דאס נישט מחשיב, אבער דאס איז זיינס, און דאס האט ביי אים א 'חן' און א חשיבות (בסוטה מז ע"א 'חן אשה על בעלה', וברש"י שם שאפילו כשהיא מכוערת, דיש לה חן פרטי אצל בעלה, אפילו כשאין לה חן המקובלת בכללות אצל כולם, בעינים של הכלל כולה).

דער מענטש באקומט א געפיל פון 'חן' און 'מנוחה', ווען ער זעט ביי א צווייטן דאס וואס איז חשוב ביי אים, 'ותהי אסתר נשאת חן בעיני כל ראיה, שכל אחד ואחד נדמתה לו כאומתו', דאס איז וואס כאפט 'חן' ביי א מענטש, אז דער איז דומה צו מיר, ער איז דומה צו מיין פאלק, ער איז דומה צו מיין קהילה, ער איז דומה צו מיינע מענטשן וואס איך בין צוגעוואוינט פונעם 'עבר' (אבער נאך אלעמען איז נישט דא אין דעם קיין שום כללים, ס'איז תלוי אין אסאך באהאלטענע פילינגס לפי די 'עבר' פונעם מענטש).

די מהות פון 'חן' איז דאס אליינס אז איך האב פלאץ פאר דיר, די רואיגקייט און פלאץ וואס איינער האט פארן צווייטן. איך בין דיר מרמז און מודיע אז איך האב פלאץ פאר דיר, איך וויל מקבל זיין פון דיין אהבה, איך בין זיך נישט סולד פון דיר, איך לויף נישט אוועק פון דיר. און דורך דעם גייט עס אויך אויף צוריק, איך פאנג אָן צו באקומען 'חן' אויך אין דיינע אויגן, דיינע אויגן באקומען פלאץ פאר מיר, און זענען רואיג מיך אנצוקוקן.

## היזק ראיה

א 'גאסט' וואס קומט אין א פרעמדע פלאץ איז די מציאות אז ער פילט זיך נישט רואיג. ווען א מענטש געפונט זיך אין זיין פלאץ ווי ער האט דארט 'חן', פילט ער זיך רואיג, ער פילט אז די אויגן פון די מענטשן ארום ארום, נעמען אים אריין און זענען אים סובל, אבער א 'גאסט' איז נישט רואיג, ער פילט נישט אז ער האט 'חן' און רואיגקייט אין די אויגן פון די מענטשן ארום ארום.

די רואיגקייט פון די מענטשן'ס אויגן ארום ארום, דאס איז וואס בארואיגט דעם מענטש זעלבסט, און ווי מער מ'פילט רואיג אין די אויגן פון די ארומיגע, אלץ מער רואיגער וועט מען זיין מיט זיך אליינס. און אויך פארקערט, ווי מער די מענטשן ארום פילן אז די ביסט רואיג מיט זיך, די האסט 'חן' אין דיינע אייגענע אויגן, נעמען זיי דיך אויך אריין מיט חן און רואיגקייט (און דאס בויט זיך ווייטער און ווייטער אהין און צוריק, והבן).

מ'ווייסט אז 'היזק ראיה שמיה היזק', און אפילו אויב 'לא שמיה היזק', איז דאס נאר אין א חצר השותפין, אבער ארייזקוקן ביי יענעם אין הויז אריין איז זוכער 'שמיה היזק', ס'איז א 'צערא דגופא' און אויך א 'ממונות' שאלה.

די טבע פון א מענטש אז ער קען נישט סובל זיין אז מ'זעט זיינע פריוואטע זאכן, זיין לעבן איז נישט קיין לעבן אויב מ'זעט זיין פריוואטקייט, און די טעם איז, ווייל פריוואטע זאכן וואס א מענטש טוט האט נישט קיין 'חן' אין די אויגן פון אנדערע, ממילא מאכט דאס אומרואיג ווען פרעמדע אויגן קוקן אריין אין זיין פריוואטקייט (גם בני אדם הסובלים בנפש, אין יכולים לסבול כשאחרים מסתכלים עליהם, כי זהו חלק מהחולי, מה שהם מרגישים שאינם מוצאים חן בעיני אחרים).

## יעקב מצא חן

איז דאס האט יעקב געטון, ער האט געשיקט זאגן פאר עשיו 'איך וויל דיר', 'ומבקש אהבתך', די האסט 'חן' און רואיגקייט אין מיינע אויגן, איך פארצייל דיר פון מיינע ענינים, 'ויהי לי שור וחמור', און מיט דעם וויל איך זען אויב איך האב 'חן' אין דיינע אויגן, צו די האסט געדולד פאר מיינע זאכן, צו ס'איז דא פלאץ אין דיינע אויגן פאר מיר, און פאר מיינע ענינים.

ס'איז באקאנט פון די 'בעלי מוסר' אז די טבע העולם איז נישט סובל קיין 'רציחה', בטבע איז נישט מעגליך פאר א מענטש צו גיין הארגענען א צווייטן, און אלע 'רציחות' קומט ווייל דער 'רוצח' האט אָפגעמאכט אז דער 'נרצח' איז נישט קיין 'בן אדם', איז יעצט קען ער אים שוין הארגענען, ער איז דאך נישט קיין 'בן אדם' בכלל. קומט אויס אז אויב דער 'נרצח' טרעפט 'חן' אין די אויגן פונעם 'רוצח', דאן וועט אים דער 'רוצח' נישט קענען הארגענען, איז דאס יעקב געווען פארנומען, אויב 'עשיו' וועט אננעמען זיינע מתנות, ער וועט טרעפן 'חן' ביי אים, דאן קען ער זיין רואיג אז 'עשיו' וועט אים נישט קענען הארגענען.

אין פסוק שטייט נישט בפירוש, אז יעקב האט למעשה טאקע נושא חן געווען אין די אויגן פון עשיו, אבער מ'זעט עס קלאר, ווייל 'עשיו' האט זיך שטארק נאכגעפרעגט ווער די פרויען און די קינדער זענען, ער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט וואס די אלע מתנות זענען געווען, כאטשיג ער האט אלעס געוויסט, ער האט זיך אבער געוואלט נאכפרעגן טאקע צו וויזן אז ער נעמט אים אריין, ער טרעפט ביי אים חן. יעקב האט באקומען א 'מקום' אין עשיו'ס אויגן, ער האט פלאץ אין די אויגן פון עשיו, און יעצט וועט שוין נישט זיין מעגליך פאר עשיו אים צו הארגענען.

יעקב האט מתחלה ארייגעלייגט אסאך כוחות צו כאפן עשיו'ס אויגן, ער האט געבן 'רווח' צווישן איין עדר אינעם צווייטן, ווייל ער האט געוויסט אז אויב כאפט ער א פלאץ ביי עשיו אין די אויגן זיינער, דאן איז ער א געראטעוועטער.

שפעטער האט עשיו פראבירט צוריק צו געבן די מתנות, וואס דאס איז מבטא אז ער וויל ארויסשטופן די חן, אבער יעקב האט זיך נישט געלאזט, 'אם נא

המשך בעמוד האחרון

## שהחיינו לזמן הזה

די וועלט איז 'תחת הזמן', די נייע 'זמן' ווערט נתחדש, און דער אלטער זמן שטארבט אָפּ, 'דור הולך ודור בא', יעדער מינוט שטיפט אוועק דער פריערדיגע מינוט, א פרישע טאג פארדעקט דעם פריערדיגען טאג, 'העבר אין', דער 'עבר' עקזעסטירט נישט מער, דער 'עבר' איז פארפאלן און אפגעשטארבן, עס קומט א פרישע זמן א פרישע צייט.

מ'זאגט יום טוב 'שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה', דער פריערדיגער 'זמן' מיט אלעס וואס איז אין איר, זענען שוין אָפּגעשטארבן, און מ'דאנקט דעם אייבירשטן אז מ'איז נישט געשטארבן צוזאמען מיט זיי, נאר דער אייבישטער האט מיר מחיה געווען צום פרישן נייען זמן, יעדער נייע זמן איז א פרישע התחדשות.

אין די פרשה שטייט 'וימלוך וימת' 'וימלך וימת', אלעס שטארבט אָפּ, 'דור הולך ודור בא', נישט נאר די פשוט'ע מענטשן, אויך די קעניגן און מלכים, וימלוך וימת, אלעס שטאַרבט אָפּ צוזאמען מיטן 'זמן' זעלבסט. 'מה שלא יעשה השכל יעשה הזמן', ריזיגע אימפעריעס וואס האבן געדרייט א וועלט, מרוב הזמן איז דאס געווארן אויס, ווייל דער זמן איז דער גרעסטער 'מֵמית', דער זמן הארגעט אָפּ אלעס אויף דער וועלט.

מ'זאגט
יום טוב 'שהחיינו
וקימנו והגיענו לזמן הזה', דער
פריערדיגער 'זמן' מיט אלעס וואס
איז אין איה, זענען שוין אָפגעשטארבן,
און מ'דאנקט דעם אייבירשטן אז מ'איז
נישט געשטארבן צוזאמען מיט זיי, נאר
דער אייבישטער האט מיר מחיה
געוועזן צום פרישן נייען זמן, יעדער
נייע זמן איז א פרישע
התחדשות

להבדיל א"ה אין די אלגעמיינע היסטוריה, לויפט אלעס אויף אזא וועג פון 'וימלוך וימת', פון יענע יאר ביז יענער יאר האט יענער געקעניגט, און פון דעמאלטס ביז דעמאלטס דער נעקסטער, און אזוי פליען אדורך יארן, ווי יעדער קעניג נעמט מיט מיט זיך אין קבר, זיין חלק אין דער וועלטס היסטוריה. דער קעניג מיט זיין גאנצע אימפעריא, אלעס שטארבט אָפּ צוזאַמען מיטן זמן, און אלעס ווערט צוזאמען באגראבן אויף אייביג.

[אפגערעדט די פרעזידענטן וואס זענען עולה ויורד יעדעס פיר יאר, און ווען איינער גייט ארויף אויפן בענקל, פאנגט מען שוין גלייך אָן זיך צו גרייטן צו די קומענדיגע וואלן. די מושלים גייען ארויף און אראפ, וימלך וימת וימלך וימת, און יעדער פרעזידענט נעמט זיך מיט זיין תקיפה, אינעם קבר אריין, אזוי אז ביים נעקסטן פרעזידענט, לערנט מען שוין דעם פריערדיגן פרעזידענט פאר א שיינע היסטוריה].

'וימלך וימת וימלך וימת', אלע 'אלופי עשיו' ווערן אויסגערעכנט איינער נאכן צווייטן, כמעט ווי זיי וואלטן ווען אלע געשטארבן אויף איינמאל, אלע זענען דאך שוין ממילא אין קבר צוזאמען מיט זייער גאנצע קאפיטל היסטוריה, דור הולך ודור בא, די נייע דור ווישט אָפּ דעם פריערדיגן, ס'בלייבט נישט קיין זכר פונעם פריערדיגן, דאס איז די טבע הבריאה וואס מ'קען נישט אפשטעלן, די 'זמן' האט נאך קיינער נישט געקענט אפשטעלן (חוץ פון די נס פון 'שמש בגבעון דום').

די קינדער ירש'נען דעם טאטן, 'ירושה' איז פון די לשון 'פארטרייבן', דער טאטע האט נישט געוואלט געבן פאר די קינדער פון זיינע נכסים, ס'קומט נאך די הונדערט און צוואנציג זיינער, מ'פרעגט אים נישט צו סאך קושיות, זיי פארטרייבן דעם טאטן פון זיינע נכסים, זיי נעמען אלעס איבער. דאס איז די טבע און די גאנצע בריאה, 'דור הולך ודור בא', די יונגע חברה קומען ארויף און נעמען אלעס איבער, די 'זמן' ריקט זיך, דער אלטער זמן שטארבט צוזאמען מיט אלעס וואס איז אין איר, און ס'קומען די פרישע חברה ארויף אויפן האריזאנט, וואס נעמען אלעס איבער.

## עדות וקיום בבית דין

אלעס שטארבט אָפּ מיטן 'עבר', רובא דרובא זאכן פונעם 'עבר' ווערט פארגעסן אויף אייביג, אבער געציילטע זאכן קען מען צוריק ברענגן, 'עדים' 'כתבים ושטרות' וכדומה, אזעלכע זאכן קענען צוריק אויפלעבן דעם עבר, צוריק אויפלעבן דעם 'זמן'. לפנינו איז דער 'עבר' שוין אפגעשטארבן, אבער דורך עדים און שטרות קען מען צוריק אויפלעבן דעם עבר, אז דער 'עבר' זאל זיין כאילו חי וקים לפנינו, און דאס איז דורך די כח פון 'עדים' וואס קומען עדות זאגן ביים בית דין, אדער 'שטרות' וואס מ'ברענגט פארן בית דין, זיי לעבן צוריק אויף די זאך אז עס זאל זיין 'חי וקים' דא פארנט פון 'בית דין'.

'עדים' ווען זיי קומען צום בית דין פארציילן זיי אז נעכטן האט ראובן געהארגט שמעון. איז דער נעכטן איז דאך שוין לאנג פאריבער, דער זמן איז שוין פארביי, אבער די 'עדים' קומען און זענען עס צוריק מחייה, דורכן עדות זאגן ביים בית דין, ווערט דאס כאילו בית דין זעט די מעשה פאר אונז. אפילו אויב דער 'מלוה' איז שוין לאנג געשטארבן, קענען די 'עדים' צוריק ארויף ברענגן די מעשה און עס מחיה זין פון פריש, פארנט פון 'בית דין'. 'עדות' איז פון די לשון 'עד', לעולמי עד, א לשון פון נצחיות, די עדים זענען 'מקיים' און 'מנצח' די מעשה, אז די מעשה זאל נישט אפשטארבן.

די גמרא זאגט אין מסכת בבא קמא 'חיים שנים ישלם, אחיה לקרן כעין שגנב', לעב אויף דעם קרן אזויווי די פרייז פון שעת הגניבה, 'כעין שגנב'. די פרייז פון 'העמדה בדין' איז יעצט דא 'לפנינו', די פרייז איז יעצט דא בשוק, אבער אויב איך גיי 'כעין שגנב', דארף איך צוריק גיין צו די פריערדיגע זמן, צו די שעת הגניבה, מ'ברענגט 'עדים' וואס פארציילן די פרייז וואס איז געווען 'בשעת הגניבה'. קומט אויס אז ווען איך גיי 'כעין שגנב', לעב איך צוריק אויף דעם פריערדיגן פרייז, אחיה לקרן כעין שגנב. דער מצב פון 'כעין שגנב' איז אפגעשטארבן, און יעצט ביים בית דין לעבט מען עס צוריק אויף.

אויך די תורה ווערט אנגערופן עדות, ויקם עדות ביעקב ותורה שם בישראל, 'למען תהיה השירה הזאת לעד, כי לא תשכח מפי זרעו', דער תורה איז א 'עדות' אויף די מעמד הר סיני, א 'עדות' אז דער אייבישטער האט אונז מצווה געווען די תורה, און איז אונז מצווה מיט די תורה כסדר פון פריש, אז ס'זאל נישט ארייגפאלן 'תחת הזמן' און אָפּשטאַרבן און פארגעסן ווערן צוזאמען מיט אלעס פון דער וועלט. א דור נאך א דור גייט אריבער, אלעס ווערט פארגעסן, אבער די כח ה'עדות' פון די תורה, דאס האט א קיום לנצח, 'כתבו לכם אז השירה הזאת', שרייב אראפ די תורה אז ס'זאל האבן א קיום נצחי, ס'זאל זיין א 'עדות' און נישט אפשטארבן מיט די זמן.

מצאתי חן בעיניך, ולקחתי מנחתי מידי', אויב די האסט פלאץ אין דיינע אויגן פאר מיר, איך האב 'חן' אין דיינע אויגן, דאן נעם אָן מיין געשאנק. יעקב האט געמאכט זוכער אז ער האט א פלאץ אין עשיו'ס אויגן, און ער איז פארזוכערט אז ער גייט אים נישט הארגענען.

'כי על כן ראיתי פניך וגו', יעקב זאגט פאר עשיו, די עשיו האסט א מורא'דיגע חן אין מיינע אויגן, איך זעה אין דיך ווי איך וואלט געזען א מלאך, איז בעט איך דיך אז איך זאל אויך האבן 'חן' אין דיינע אויגן, נעם אָן מיינע מתנות, מיינע מתנות זאלן האבן 'חן' אין דיינע אויגן.

שפעטער האט עשיו געוואלט צוריק באצאלן פאר יעקב און אים באגלייטן אהיים, אבער יעקב האט עס נישט געוואלט אָנעמען, ווייל טאמער ער נעמט עס אָן מיינט דאס אז די 'נשיאות חן' פון יעקב'ס מתנות וועלן אויסוועפן, עשיו וועט שוין האבן צוריק באצאלט, און יעקב האט געקענט באשטיין צו ארויסציען די 'נשיאות חן' אויף ווי לענגער, און זיין פארזוכערט אז עשיו וועט נישט האבן די הארץ אים צו הארגענען, כל זמן ער האט נשיאות חן אין זיינע אויגן.

## ◆ מתנות ונשיאת חן

מ'קען געבן פאר א ארבעטער א 'רעיז' און מ'קען געבן א מתנה, די מבינים זאגן אז מתנות ארבעט אויך גאנץ גוט, מתנות זענען א קלענערע 'עקספענז', און די ארבעטערס האבן הנאה דערפון, נישט אלעמאל דארף מען זיך אנשטרענגען דוקא צו געבן א רעיז.

די שורש פון מתנות איז מכח די 'חן' וואס ס'איז דא אין דעם, א מתנה געט א מעסידזש איך וויל האבן דיין נאנטשאפט, איך וויל מקבל זיין פון דיר אהבה, דאס איז גאר א טיפע געפיל פארן ארבעטער, אז דער 'בעל הבית' זוכט זיין נאנטשאפט. כסדר פילט ער פונעם 'בעל הבית' א 'ערעטאָט' - 'איך דארף דיר נישט', 'איך קען נעמען א צווייטן אויף דיין פלאץ', אבער מיטן געבן א מתנה שיקט דער בעל הבית א מעסידזש, אז איך דער גרויסער 'בעל הבית' דארף צוקומען צו דיר, איך דארף דיר האבן.

דאס איז די עומק פון די אלע גרויסע מתנות וואס יעקב אבינו האט געשיקט פאר עשיו, אפילו עשיו האט געוויסט אז יעקב אבינו וויל אים דא אונטער קויפן, 'אכפרה פניו במנחה', אבער דא זעט מען די טיפע 'קירוב הדעת' וואס ס'איז דא אין 'מתנות', מ'האט הנאה צו פילן דאס גופא אז יענער דארף מיך, דאס גופא אז יענער וויל מיך אונטער קויפן, אז יענער וויל מקבל זיין דוקא פון מיר. דאס עפענט א שטארקע 'חן' און 'קירוב הדעת', און ס'שטערט בכלל נישט אז יענער וויל מיך אונטער קויפן.

ס'איז באקאנט אז די עצות פון יעקב אבינו אנטקעגן עשיו הרשע, דאס איז געווען די עצות פון פון יודישע קינדער אינעם לאנגען גלות, איז אסאך מאל האבן די רשעים גאנץ גוט געוויסט אז מ'וויל זיי אונטער קויפן, אבער הא גופא, מ'האט הנאה אז יענער וויל זיין א 'מקבל', ער זוכט מיך אונטער צו קויפן.

## ◆ ולענוים יתן חן

די פסוק זאגט 'ולענוים יתן חן', דאס איז א טבעיות'דיגע זאך וואס דער אייבישטער האט געמאכט, אז דייקא דער 'עניו' און דער 'עני' זיי האבן מער 'חן', דער עושר האט כבוד, און דער 'עני' האט 'חן'. א ערוואקסענע מענטש האט כבוד, און א קליין קינד האט 'חן', 'חן' איז שייך במיוחד ביים מקבל. די מעסידזש געט דער 'מקבל' איבער מיטן געבן מתנות, 'איך דארף דיך, איך וויל דיין נאנטשאפט, איך וויל מקבל זיין אהבה פון דיר'.

און דער עושר קוקט עס נישט אָן ווי יענער וויל מיך אונטער קויפן, אדרבא דאס גופא איז וואס דער עושר האט הנאה, אז יענער פראבירט דוקא מיך אונטער צו קויפן, איך האב עפעס במיוחד וואס ער קומט נאר מיר אונטערקויפן.

די תורה זאגט 'לא תחנם', לא תתן להם חן, לא תתן להם מתנת חנם, און די טעם איז מבואר אין ספר החינוך אלץ 'קירוב הדעת' וואס דאס ברענגט צווישן דעם יוד אינעם גוי, א מתנה ברענגט 'קירוב הדעת'. און אזוי איז מבואר אין די פוסקים אז א מתנה ברענגט 'קירוב הדעת' (יורה דעה סימן קצה, ובהלכות ריבית).

אבער פון די אנדערע זייט געט מען דאך א מתנה אויף צו באקומען אויף צוריק, ווי די לשון חז"ל אויף דעם (גיטין נ ע"ב) 'אי לאו דאית ליה הנאה מיניה, לא יהיב ליה מתנה', א מתנה איז אלע מאל מיט א חשבון, אלטע חשבונות וואס ער פילט שולדיג, אדער א נייע קשר וואס ער וויל עפענען. איז אויב א מתנה איז אלעמאל מיט א חשבון, איז וואס פאר א 'קירוב הדעת' איז דאס ווען מ'ווייסט אז יענער וויל פשוט אויף צוריק.

אבער די תירוץ איז ווי געשמועסט אז הא גופא, מ'האט הנאה אז יענער וויל מקבל זיין פון מיר, יענער וואלט געקענט גיין מקבל זיין חן וחסד פון א צווייטן, און מ'האט הנאה פון דעם אליינס אז יענער איז מכיר אז פון מיר איז גוט צו קומען נעמען 'חן', די הכרה גופא איז וואס ברענגט א 'קירוב הדעת', אפילו מ'ווייסט אז יענער וויל צוריק. ווייל דאס גופא אז יענער וויל צוריק, דאס גופא איז די קירוב הדעת, יענער וויל צוריק פון מיר דוקא, ער וויל מקבל זיין דוקא פון מיר.

◆ נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה ◆

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+